ארויסגיין. זיין טאטע האט איהם נאך אלס יונגער בחור געפיהרט צו ביאלעקן איהם צו מחנך זיין און יענער ימח־שמוניק האט איהם צוגערעדט ער זאל זיצן און לערנען און איהם צוגעשדכנט א גביר וואס האט איהם אויסגעהאלטען די גאנצער יאהרן אין ישיבה. אונזערע גדולים ז"ל האבן לכתחילה גזאגט אויף איהם דאס וואס איז איצטער ארויס בגלוי. וואָזשע האט מען זיך דא אנגעכאפט! וואס האט מען זיך ענטוישט!

ד) און* דאס איז די הויפט זאך: אדער מען וויל זיך איינרעדן אדער מען וויל אנדערע איינרעדן: שוין יאהרען לאנג איז מען מגייר מיט פאלשקייט

---

* ד. וזה ראש הבעיות: או שרוצים להתרמות או לרמות אחרים: שכבר המון שנים שמגיידים גרים בשקר וערמומיות, מטהרים ממזרים, מתירים את כל הפסולי חיתון, קראים, אינדיאנים, כל מיני מרעין בישין. כל העריות, ואשת איש בכל האמצעים האפשריים, בעניני כשרות (עדיף לקרוא בשם: טרפות) ושבת וכל איסורים שבתורה הרי כבר מוסכם שהם עושים ככל החפץ להם ואין פוצה פה ומצפצף. רק עושים הכל בשתיקה ובתבונה שלא להוציא את העינים. מה עשה אונטערמאן וניסים עד עתה, וכן עובדיה יוסף, ובפרט דייני הרבנות ורבניהם עמי הארץ ופושעים. מה שנעשה עד עכשיו עבר בשתיקה, רק כשמשוגע זה יצא בריש גלי מהפכים עולמות כשהתיר ביאת מקדש בטומאה הלכו אחריו ושתקו. כשגייר גויים לצים שבאים להתלוצץ ולקבל עליהם עול עבירות במקום מצוות ולעשות משחק תיאטרון במקום גרות. ולכפות חיילים בבתי החולים וכן בדואים שימולו בעל כרחם זה הכל היה בצדק ובדין. ובנושא זה פתאום נתקע הכל ועושים מהומה. בקושטא דמילתא: כבר הכל מזמן נעשה מספיק. רק עכשיו רצו בעלי השלטון לעשות דווקא בריש גלי וביד רמה ולזה מצאו אחד שביכולתו לעשות רצונם בעזות וחוצפה. יותר מזה לא התחדש כלום על מה שהיה לפנים. הסיבה היא: שהדור הצעיר חפצים בנישואים אזרחיים שיהיה הפקר כמו ברוסיא ובשאר ארצות נאורות. ושמא תשאל מה הם צריכים את זה דווקא בצורה רשמית הרי אפשר בין כך לעשות הכל לעיני השמש ללא הפרעה. לא. הם רוצים דווקא שבאופן רשמי תפרד הדת מהמדינה. והרשעים הזקנים לא מסכימים לזה בשום אופן רק דווקא ע"י רשמיות של רבנים שיתחתמו על זה כדי לשמור על שלימות העם. הולך להם בחיים שהיהודים האדוקים המזוהמים לא יקרעו מהם. לכן העמידו מי שיכול לעשות שהכבשה תשאר שלימה והזאב יהיה שבע. ואין כל חדשות בחזית. ומה לך כי נזעקת.

זהו אמיתת הדברים והמצב, ומי שחושב להתרמות או לרמות אחרים בחושבו שבלסגור את עיניו הוא יהיה גונב דעת העליונה כביכול — טעות בידו. ויעלה חרס בידו. מכל המהומה הזאת לא יצא כלום אם לא יכירו את האמת כמות שהיא. זה רק יעזור שוב למרוח זמנית את הענין. עד ששוב יבוא חצוף אחר או איזה משיח שקר, וחוזר חלילה.

אני מצרף לכם כרוז בענין הרב הצדיק לא "הרב הרשע" ותדעו את מעשיו אולי יפקחו העיניים ויראו את המצב כמו שהוא, וזה יהיה חצי ישועה מה שהאמת נתגלתה לפרסם את החנפים, כדלהלן:

בזמן האחרון יצא פסק חדש "מהחמור נושא ספרים" שהחליט להתיר את הפלאשים מאתיופיה שרק צריכים גרות סימלית. (אתם יודעים מה פירוש של זה בדין תורה) כי "האמת" שהם "יהודים" בנושא זה אני במקרה קצת בעל דבר מתחילת הנושא. שיתכן שכבר אין מי שזוכר איך שמעשה הפלאשים התחיל. וכך העובדא: לפני 60 שנה צץ על המפה אדם שקרא לעצמו "דוקטור פייטלוביץ", מי הוא זה? אענה לכם. אחד מעירנו לודז'. הוא היה תלמיד של סבי ז"ל ולא חפץ ולא ידע ללמוד הוא היה בעל מרץ ושאיפות והתחיל לערוך נסיעות לאפריקא, ורצה להיות רופא בלי ראש. אז מה עושים, נתפס שם לאיזה שבט ושכנע אותם שהם יהודים, ומוצאם משלמה המלך וכדומה. ונהיה מזה מהומה גדולה דר' פייטלוביץ שלנו מלודז' גילה שהפלאשים הם יהודים ואינו מרפה מהתחקיר. בזמנים שעברו את מי זה עניין אם באתיופיא יש יהודים אם לא. בקצה העולם ההוא. אם פייטלוביץ יכול להיות על ידי זה חוקר למי זה איכפת ולכל זה יש היום קליטה אצל הרבנות התחתית וכל דבר זה ידע ולכל דבר יש אנן סהדי. פייטלוביץ הנ"ל כשהיה נכנס

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
יוסף דעת ליס, יוסף עמוד מס: 236 הודפס ע"י אוצר החכמה

און ערמימות, מען איז מטהר ממזרים, מען איז מַתיר אלע פסולי חיתון, קאראאימער, אינדיאנער, אלע מיני שלאק, אלע עריות, אשת איש'ן מיט אלץ וואס נאר עס לאזט זיך. אין כשרות (אדער בעסער געזאגט: אין טרפות) און שבת און אלע איסורים שבתורה איז דאך אבגערעדט אז מען טוט אלץ וואס מען וויל און אין פוצה פה ומצפצף, נאר עס איז אלץ געווען בשתיקה, מען מאכט עס מיט "שכל" און "קארעקט" עס זאל נישט רייסען די אויגען. וואס האט אונטערמאן אבגעטאן ביז איצטער, און נסים, און דער נייער עובדי' יוסף, ובפרט זייערע דיינים, רבנים עמי הארצים או פושעים — וואס מען האט אבגעטאן ביז איצט איז שא שטיל. נאר אז דער משוגענער איז ארויס בריש גלי — קערט מען איבער די וועלט, אויב ער האט מתיר געווען ביאת מקדש בטומאה איז מען איהם נאכגעקראכען, מגייר געווען גוים לצים וואס קומען לעצעווען און קבלת עבירות אנשטאט קבלת מצוות און א טריאטער שפיל אנשטאט גרות, און צווינגען סאלדאטען אין שפיטאל, אראבער בעדואינער וכד' מל זיין זיי בעל כרחם — דאס איז אלץ געווען רעכט, און דא האט זיך עפעס פלוצלונג "פערהאקט" און מאכט א יריד. בקושטא דמילתא: אלעס האט מען שוין אבגעטאן געגוג און געגוג, נאר איצטער האבען "זיי" געוואלט אז מען זאל בדוקא טאן בריש גלי וביד רמה, און צודעם האבן זיי געפונען "איינעם" וואס קען דאס מאכען מיט עזות וחוצפה, מעהר איז דא גארנישט געשעהן. די סבה איז, די יונגווארג שרייט "נשואין אזרחים", הפקר זאל זיין אזוי ווי אין רוסלנאד און אנדערע אויפגעקלערטע מדינות. איי וואס דארפן זיי דאס? זיי קענען דען נישט אבטאן וואס זיי ווילן לעיני השמש און מען טשעפעט זיי דען? — ניין! זיי ווילן דוקא אז מען זאל אפיציעל אברייסן דעם דת פון די מדינה, און דאס ווילן נישט בשום אופן נישט די אלטע רשעים, נאר דוקא מיט צערעמאניעס פון רבנים זאל עס צוגיין, כדי צו היטן "שלימות העם", עס גייט זיי אין לעבן אז די שמוציגע זשידעס זאלן זיך נישט אברייסן פון זיי. נו האט מען ארויסגעשטעלט איינעם וואס קען מאכן אז די שעפסל זאל בלייבן גאנץ און דער וואלף זאל זיין זאט. איז דאך טאקע "אויפן פראנט קיין נייעס" נישטא, ומה לך כי נזעקת!

דאס איז אמיתת הדברים והמצב, און ווער עס וויל זיך אדער יענעם אבנארען און מיינט אז מיטן פערמאכען די אויגען וועט ער זיין א גונב דעת

---

לאיזה בית היו צריכים להזהר שלא יגנוב שמיכה מהמטה. וזהו פני החוקר שמצא בראיות ברורות שהפלאשים הם יהודים. ומי שחולק על זה הוא שונא ישראל, קנאי, נטורי קרתניק, סאטמערער, ועוד כינויים. זה רק דוגמא מפסקיו של הרב הצדיק לא של הרב הרשע. וכך זה כבר 50 שנה למי שאינו רוצה להתרמות.

הארכתי בנושא. בדברים פשוטים וגלויים לכל בר דעת שאינו חפץ לרמות את עצמו. כמובן שאיני בזה דעת יחיד ח"ו. ואל תאמרו קשר לכל אשר יאמר כל העם הזה קשר. שכבר נזכה שיתקיים כי חלאה הארץ וגומ' והשקר כעשן יכלה וכל קרני וגו'.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
יוסף דעת ליס, יוסף עמוד מס: 237 הודפס ע"י אוצר החכמה